# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויחי, י"ד טבת, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 15 (585)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:25
מוצאי שב"ק.....................5:57

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................יחזקאל ל"ח-ל"ט
בבלי........................נדרים ע"ד
ירושלמי.............ברכות נ"ה
תוספתא..................קידושין ג'
רמב"ם................טוען ונטען ג'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ג), אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לִיגְן פִילֶע מֶענְטְשְׁן אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁרֵייעֶן מִיט בִּיטֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, אוּן וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי פֵיינֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, שְׁרֵייעֶן זֵיי, "נֵיין נֵיין, מִיר דַארְפְן נִישְׁט דִי סָארְט עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת ה'", אוֹיךְ לִיגְן דָארְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָן קַיין קְלֵיידֶער אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס מִיט וָואס זִיךְ צוּצוּדֶעקְן, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טַאקֶע קְלֵיידֶער, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן, "נֵיין נֵיין, דִי קְלֵיידֶער וֶועלְן אוּנְז גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, מִיר דַארְפְן הָאבְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים זִיךְ אָנְצוּטוּן דֶערְמִיט". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זוֹכֶה צוּ עֶסְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ צוּטְרִינְקֶען עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן זִיךְ אָנְטוּן מִיט עֶפֶּעס מִצְוֹת".

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן וֶוען מִיר וֶועלְן אֵיין טָאג אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטְרַאכְט נָאר פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם עַלְמָא דְאָתֵי, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַמָאל, "אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי עֶרְשְׁטֶע בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֶבֶר", דָארְט אִיז גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט, דָארְט אִיז נָאר חָשׁוּב דִי תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, דִי מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרֵיינְצוּכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, דָארְט דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְּן אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, סֵיי אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סֵיי חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע, אוּן גָארְנִישְׁט וֶוערְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג אוּן יָארְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דָארְטְן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר זָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ אִים, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א (פְּנֵי דָוִד, וַיְחִי) וָואס טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק פוּן דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה, מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ, שְׁמֵנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ, מַעֲדַנֵּי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֵדֶן, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב פִירְט אַרַיין אִין גַן עֵדֶן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת אוּן אִין גָאר שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן, עֶר אִיז מַמָּשׁ מֻרְגָּל צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גָאר שְׁטַארְק אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דֶער אַרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי הֵיילִיגֶע וָואכְן זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן? יֶעדֶער אִיד זוּכְט אַ וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט אַז נָאר מִיטְ'ן פַאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן דֶעם גוּף קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָאס הַאלְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת. לָאמִיר אָבֶּער נֶעמֶען דִי זַאךְ, מִיר זָאלְן זִיךְ אַיינְשַׁאפְן אַ מִשְׁנַיוֹת, אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן אָנְהוֹיבּ אִין דִי רֵייעֶ, גֵיין אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶערְנָאךְ אָנְהוֹיבּ נָאכְאַמָאל פוּן אָנְפַאנְג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מִשְׁנַיוֹתְ'ל דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען בַּאוַוייזְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס וֶועט אוּנְז הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶעם קַבָּלַת פָּנִים דוּרְךְ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב, וָואס וֶועט אוּנְז אַרַיינְפִירְן גְלַייךְ אִין גַן עֵדֶן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיְחִי תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פַּארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת" - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶער גֶעשְׁטַאלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת אוּן עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילוּקֵי דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת. דָאס מֵיינְט אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְוִוינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אַמֶערִיקֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי לְבָנָה, הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעלֶעבְּט דָארְטְן אוֹיף דִי לְבָנָה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְט, קוּקְנְדִיג אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אוֹיבְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְטְל וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאלִי. אוּן אִיךְ הָאבּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

דַאֲגָה נִישְׁט, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן זִיךְ זָארְגְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לָא תַּעֵיל דַּוְיָא בְּלִבָּךְ", זָארְג נִישְׁט, "דְּגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטֵיל דַּוְיָא", וַוייל גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פוּן דֶעם גֶעשְׁטָארְבְּן.

נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, נֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין הַארְץ; לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה. חַזֵר אֱמוּנָה, זִינְג אֱמוּנָה: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס"; דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע זָארְג פוּן דַיין הַארְץ.

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל גוּטְס, מֶען דַארְף זוּכְן דָאס גוּטְס אִין דִי פְּרָאבְּלֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה) אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט צָרוֹת - דַארְף מֶען זוּכְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "אִין דִי צָרָה - הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# 'שָׁלוֹם' צְוִוישְׁן צְוֵויי 'פַּארְקֶערְטֶע' מֶענְטְשְׁן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

'שָׁלוֹם' מֵיינְט נִישְׁט אַז בֵּיידֶע הַאלְטְן אֵיינִיג, שָׁלוֹם מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אֲפִילוּ מִיר הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ - דָאךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט, מִיר קֶענֶען רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם, מִיר קֶענֶען וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ) שָׁלוֹם אִיז דַוְקָא וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזָאם צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן אוּן מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְוִוישְׁן דִי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", וַוייל אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", וָואס דָאס זֶענֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקַּר שָׁלוֹם, מְחַבֵּר צוּ זַיין צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

מִיר דַארְפְן מַאכְן אַ כֵּלִי צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אִים הֶעלְפְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֵּלִי צוּ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט בֶּעטְן עֶר ווִיל טְרִינְקֶען עֶר אִיז דוּרְשְׁטִיג, אָבֶּער אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֵּלִי קֶען מֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טְרִינְקֶען, וָואס אִיז דִי כֵּלִי? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עוּקְצִין ג, יב), "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ שָׁלוֹם; שָׁלוֹם אִיז דִי כֵּלִי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז, אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם הָאט מֶען אַ כֵּלִי לְקַבֵּל אַלֶע בְּרָכוֹת, אַז מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מֶען גֶעבְּט נָאךְ, מֶען אִיז מְוַותֵּר מַאכְט מֶען זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע כֵּלִי מֶען קֶען נֶעמֶען אָן אַ שִׁיעוּר בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: "חֲזַק חֲזַק!" מִיר גֵייעֶן עֶנְדִיגְן סֵפֶר בְּרֵאשִׁית. אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ מְסַיֵּים זַיין אוּן שְׁרֵייעֶן: "חֲזַק!" הוֹיבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סוֹף וָואךְ. קוּק זִיךְ אָן, בִּיז אַהֶער הָאסְטוּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען סוֹף וָואךְ, אוּן לְמַעֲשֶׂה גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן גָארְנִישְׁט; וַוארְף אַוֶועק דַיין שֵׂכֶל אוּן נֶעם אַ חוּמָשׁ, אוּן אוֹיךְ אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַ גְמָרָא, לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט מֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר רֶבִּי נָתָן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט הַפָּצָה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן עֶס זָאל וַוייטֶער גֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז נָאר דוּרְךְ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן זֵיי פַּארְשְׁפְּרֵייטְן; אַזוֹי וֶועט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס לִיכְטִיגְקֵייט אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם בָּאלִי גֶעפוּנֶען זִיךְ בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי פִירְן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן זֵיי כַּאפְּן נִישְׁט וִוי זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין קְלֵיינֶעם בָּאלִי".

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִימוּד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע מַחְלוֹקֶת'ן, עֶר דַארְף זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דַאן קֶען עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, זַיין גַאנְצֶער מֹחַ לִיגְט נָאר אִין דֶעם וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן אוֹיבְּן אַרָאפּ, דַאן פַּארְשְׁטֵייט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט פַּארְוָואס עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אַזוֹיפִיל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז פַּארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זִיךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי יֶענֶעם צוּ פַּארְבֶּעסֶערְן, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין אֵייגְן וֶועלְטְל בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דַוְקָא יָא אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן זַיין נָאז בַּיי יֶענֶעם, צוּ זַיין פַּארְנוּמֶען צוּ זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי פַּארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן פַּארְגֶעסְן אַז דֶער צְוֵוייטֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פח, א) אַז וֶוען פוֹטִיפַר'ס וַוייבּ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף יוֹסֵף אוּן מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, הָאט גַאנְץ מִצְרַיִם גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען פַּארְנוּמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יוֹסֵף. דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיטְ'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען פַּרְעֹה, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַּארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף. אוּן אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס אֵייבִּיג וֶוען מֶען ווִיל זִיךְ פַּארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן מֶען זָאל פַּארְגֶעסְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. אֵיינֶער הָאט גֶע'מַסְרְ'ט אַז דִי גֶעבֵּיידֶע פוּן דִי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן לְעֶגַאל, אוּן מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְפָּארְשְׁן. אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אִין שׁוּל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵייאִישֶׁע אוֹיסְפָארְשֶׁער מִיטְ'ן צִיל אוּנְטֶערְצוּזוּכְן דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז דָארְט לְעֶגַאל. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפָארְשְׁן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אִינְצְוִוישְׁן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי בַּאמֶערְקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַז אַ פָּאלִיצֵיי קַאר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט אַ טִיקֶעט פַאר זֵייעֶר קַאר וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַּארְקְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. זֵייעֶר קַאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאצֵייכֶנְטֶע פָּאלִיצֵיי קַאר.

זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְּן צוּ זָאגְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אִינְדְרוֹיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְפָארְשֶׁער אוּן זֵיי אַרְבֶּעטְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעפַּארְטְמֶענְט, אוּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. עֶס הָאט זֵיי אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער פָּאלִיצַיַאנְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם טִיקֶעט אוּן זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, אַז דֶער פָּאלִיצַיַאנְט הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רֶעכְט זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ טִיקֶעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן דָאךְ אוֹיךְ פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער אִין רַאנְג פוּן דֶעם פָּשׁוּטְ'ן פָּאלִיצַיַאנְט וֶועלְכֶער גֵייט אַרוּם אִין דִי גַאסְן, אוּן אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זָאלְן שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין אִין גֶערִיכְט אוּן קְלָאגְן דֶעם פָּאלִיצַיַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה...

דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט לוֹיפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצַיַאנְט צוּ זֶען וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִים צוּ קֶענֶען קְלָאגְן אִין גֶערִיכְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי דַאן גֶעגֶעבְּן אַ פְרֶעג וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעבֵּיידֶע, אוֹיבּ אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג... הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַלֶעס אִיז וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין... זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פַּאפִּירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין... אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצַיַאנְט...

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם: "יֶעצְט הָאט אִיר גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ אַלֶעמָאל. אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ אָנְצוּלֵייגְן אוּן צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר וֶועט מוּזְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעם".

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר זָאל אַלֶעמָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַּארְבֶּעסֶערְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ צְוֵוייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם, אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע אוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַּארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל, טְשֶׁעפֶּעט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער טְרֶעט אוֹיף אִים, אוּן עֶר קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן שׁוּל אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער מוּזְן טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? דוּ שְׁטֵיי אִין דַיין ווִינְקְל, אוּן דַאן וֶועט בְּלַייבְּן גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר"...

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אַיין אִין זַיין ווִינְקְל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ו עֶרֶךְ חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וח"ז עֶרֶךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מ"ח מִכְתָּב תתפ"א)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן נָאךְ יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת**

### תקסא

דֶעם גַאנְצְן טָאג, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיטְ'ן עוֹלָם אִין זַיין גְרוֹיסְן צִימֶער, אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז דָארְט גֶעוֶועְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט דֶעמָאלְט זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר אִיז עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה פַארְנַאכְטְס, אַנְדֶערְשׁ וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן פְרַייטָאג גְלַייךְ נָאךְ חֲצוֹת.

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְפוּרְסָם אוּן פִירְן דֶעם עוֹלָם", אַרוֹיסְבְּרֶענְגְנְדִיג וִויפִיל יִסוּרִים עֶר לַיידְט אַז אַלֶעס לִיגְט אוֹיף אִים, אוּן אוֹיף וִויפִיל זַאכְן עֶר דַארְף הַאלְטְן קָאפּ אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְן דֶערְמִיט. "דָאס וָואס מֶען אִיז יֶעצְט פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן בִּינְדֶען דֶעם סֵפֶר (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תקנ"ט), מֵיינְט אִיר דָאךְ אַז דָאס אִיז גָארְנִישְׁט, אָבֶער פַאקְטִישׁ זֶענֶען פִילֶע פִילֶע עוֹלָמוֹת אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דָאס בִּינְדֶען פוּן דֶעם סֵפֶר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַז עֶר דַארְף דָאס אַלֶעס הָאבְן אוֹיפְ'ן קָאפּ.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַבִּיסְל אָנְגֶעהוֹיבְּן כַאפְּן וִוי גֶעוַואלְדִיג גְרוֹיס עֶס אִיז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס הָאט נָאר צוּטוּן מִיט דִי סְפָרִים אוּן עִנְיָנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אֲפִילוּ בְּלוֹיז אִין דָאס בִּינְדֶען דֶעם סֵפֶר זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אַזוֹיפִיל וֶועלְטְן. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה לִכְבוֹד שַׁבָּת.

### תקסב

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְלִיבְּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער הָאט זִיךְ גֶעפוֹילְט אוּן נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס בִּינְדֶען בִּיז דָאנֶערְשְׁטָאג. אִין לוֹיף פוּן דִי וָואךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט גָאר אַסַאךְ מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶועְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט קְרַאנְק אִין בֶּעט אִיז מֶען אִים זֵייעֶר מְחַזֵק, מֶען רֶעדְט צוּ אִים אַסַאךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז עֶר וֶועט עֶס אִיבֶּערְלֶעבְן אוּן גֶעזוּנְט וֶוערְן, אוּן דִי הִתְחַזְקוּת מַאכְט טַאקֶע אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אוּן טְרַאכְטְן אַז עֶר וֶועט עֶס נִישְׁט דוּרְכְמַאכְן. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גָאר שְׁטַארְק אוּן אַסַאךְ מְחַזֵק גֶעוֶועְן רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן, עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן פְרֵיילִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, עֶר זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט וָואס עֶר קֶען נָאר, אוּן דָאס אַלֵיין וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

### תקסג

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ מֵיידְל פוּן זַיין טָאכְטֶער חַיָה, גֶעוֶועְן זֵייעֶר קְרַאנְק מִיט מָאזְלִין אָדֶער פָּאקִין. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן יִסוּרִים, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶעם אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים אוּן פַּיין וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער פוּן דִי קְרֶענְק פוּן דָאס מֵיידְל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט אִין הַארְץ יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע קְרֶעכְץ פוּן דָאס קִינְד, אוּן עֶר וָואלְט גְרֵייט גֶעוֶועְן צוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי קְרֶענְק אוֹיף זִיךְ אַנְשְׁטָאט אִיר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס מֶען זֶעט אַ "צַדִיק וְטוֹב לוֹ" אוּן אַ "צַדִיק וְרַע לוֹ", אַמָאל גֵייט גוּט פַאר אַ צַדִיק אוּן אַמָאל גֵייט אִים שְׁלֶעכְט, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תקנ"ז), וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן נ"ו).

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י אַז אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי חַיִים וִיטַאל זַ"ל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל אַז עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן אַ גֶעוִויסֶע סוֹד, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט עֶס אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר אִים. רֶבִּי חַיִים וִיטַאל הָאט אָבֶער וַוייטֶער גֶעמוּטְשֶׁעט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אִים גֶעמוּזְט דָאס אוֹיסְזָאגְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ מְתַקֵן זַיין דִי נְשָׁמָה פוּן רֶבִּי חַיִים וִיטַאל, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר מוּטְשֶׁעט אִים צוּ וִויסְן דֶעם סוֹד מוּז עֶר אִים דָאס אוֹיסְזָאגְן. אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אִיז דֶער זוּן פוּן אַרִ"י הַקָדוֹשׁ קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶועְן דֶעם סוֹד פַאר רֶבִּי חַיִים וִיטַאל.

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר דָאס פַארְשְׁטֵיין? דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט דָאךְ גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד וַוייל רֶבִּי חַיִים וִיטַאל הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט דֶערוֹיף, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם. אָבֶער דָאס זֶענֶען דִי דַרְכֵי ה', דִי וֶועגְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט לְגַבֵּי דֶעם וָואס עֶר הָאט יִסוּרִים פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאמִילְיֶע, וָואס דִי אַלֶע יִסוּרִים לַיידְט עֶר נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ מְקָרֵב זַיין זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר טוּט דָאס דָאךְ זִיכֶער נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דָאךְ זִיכֶער דָאס אַז עֶר זָאל וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין מְקָרֵב צוּ זַיין אוּן מְתַקֵן זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן לַיידְט עֶר צוּלִיבּ דֶעם יִסוּרִים אוּן עוֹנְשִׁים. מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, אָבֶער מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל קֶענֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען זָאגְן אַ זְכוּת אוֹיף זִיךְ, אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט אִים דֶערְצֵיילְן אַ צַעַר פוּן אַן אַנְדֶערְן קִינְד וָואס אִיז קְרַאנְק חַס וְשָׁלוֹם אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַארְ'ן קִינְד, הָאט עֶר דֶעמָאלְט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט יֶעצְט פוּן דִי קְרֶענְק פוּן זַיין אֵיינִיקְל, עֶר שְׁפִּירְט אוֹיךְ יֶעדֶעס קְרֶעכְץ פוּנֶעם קִינְד אִין זַיין הַארְץ.

### תקסד

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה פוּן זַיינֶע מְקוֹרָבִים, שְׁפִּירְט עֶר אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְקֶע צַעַר. עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעמָאלְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ר' לִיפָּא, וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ פוּן דֶעם גָאר שְׁרֶעקְלִיכֶע צַעַר אוּן יִסוּרִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן אַלְס אִיד?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן פָאלְגְן וָואס מֶען רֶעדְט, עֶס הֶעלְפְט מִיר טַאקֶע אַסַאךְ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין אָבֶער נָאכְאַלְץ פוּל מִיט שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וָואס אִיךְ זוּךְ עֶנְטְפֶערְס אוֹיף זֵיי, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ אַסַאךְ יִסוּרִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעשְׁרִיבְן בְּרִיווּ צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָבֶער אִיךְ הָאבּ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אֶפְשָׁר וִויל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ נִישְׁט הָאבְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אָדֶער קֶען זַיין אַז עֶס אִיז בְּלוֹיז מְנִיעוֹת אוּן עֶס אִיז מַיין נִסָיוֹן אוּן וָואס אִיךְ דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן? אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער וִוי אִיךְ שְׁטֵיי בַּיים עֶק פוּנֶעם שְׁטְרִיק אוּן אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אָט אָט בַּיים אַרָאפְּפַאלְן.

עֶס מַאכְט זִיךְ צַייטְן וָואס אִיךְ וֵויין פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס גוֹי, אָן דִי אַלֶע אִינֶערְלִיכֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן, אָן דִי פִילֶע סְפֵיקוֹת אוּן קְוֶוענְקְלֶענִישְׁן וָואס בְּרֶענֶען אִין מִיר, אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן אַלֶעס וָואס גְלוּסְט מִיר נָאר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִגַשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", מִיט דֶעם אַלֵיינְס אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער – אִיז שׁוֹין גֶענוּג אוֹיף צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִיק (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג), אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה. דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶועְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה' וּמְחַזֵק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה' גֶעוֶועְן".

וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר? בִּיסְטוּ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא עַצְבוּת אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוֹי?! דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ וֵויינְסְט דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוֹי – אַזוֹי קֶען מֶען אַלֶעס טוּן, אוּן אַלְס אִידִישׁ קִינְד – קֶענְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס דוּ ווִילְסְט; וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס קֶענְסְטוּ יֶעצְט נִישְׁט טוּן אַלְס אִיד? אַ אִיד אִיז דָאךְ אַ קִינְד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְן אַ טַאטֶע וָואס זָאגְט אוּנְז צוּ טוּן זַאכְן וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר גוּטְס פַאר אוּנְז; מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְן דִי תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל דִיךְ פְרֶעגְן, וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען אַז דוּ לָאזְט זֵיי נִישְׁט קְרִיכְן בַּיים פֶענְסְטֶער, אוּן דוּ לָאזְט זֵיי נִישְׁט טוּן אַנְדֶערֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן – טְרַאכְטְן זֵיי אוֹיךְ 'אַ שָׁאד מִיר הָאבְן אַ טַאטֶע וָואס לָאזְט אוּנְז נִישְׁט קְרִיכְן בַּיים פֶענְסְטֶער, אוּן ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער יְתוֹמִים וָואס קֶענֶען טוּן וָואס זֵיי ווִילְן'? אָדֶער וֶוען דִי קִינְדֶער ווִילְן בְּלַייבְּן אִין גַאס בַּיינַאכְט אוּן דוּ הָאסְט רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי, וֵויינֶען זֵיי אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טוּן וָואס זֵיי ווִילְן? אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֶועט זָאגְן: 'טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶנְקֶער טַאטֶע הָאט עֶנְק

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

לִיבּ, עֶר ווִיל עֶנְק זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְפַּאלְן פוּן פֶּענְסְטֶער אוּן עֶנְק זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, אִיר זָאלְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ סַכָּנוֹת, וָואס וֵויינְט אִיר קִינְדֶערְלֶעךְ...?׳ דָאס אִיז נָאר אַ שְׁטִיקְל מָשָׁל, אַ אִיד אִיז דָאךְ אַ קִינְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, דֶערִיבֶּער זָאגְט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ׳טוּ נָאר זַאכְן וָואס וֶועט זַיין גוּט פַאר דִיר׳.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ו) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ד): ״׳וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳ אֱלֹקֵיכֶם׳, מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה, לְרוֹפֵא שֶׁהָלַךְ לְבַקֵּר שְׁנֵי חוֹלִים״, עֶס אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ דָאקְטֶער וָואס צְוֵויי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, דֶער דָאקְטֶער בַּאקוּקְט זֵיי בֵּיידֶע, ״רָאָה אֶחָד מֵהֶם שֶׁהָיָה בְּסַכָּנָה״, אֵיינֶער אִיז אִין אַ סַכָּנָה, עֶר גֵייט סַיי ווִי שְׁטַארְבְּן, ״אָמַר לִבְנֵי בֵיתוֹ״ זָאגְט דֶער דָאקְטֶער פַאר דִי מִשְׁפָּחָה: ״תְּנוּ לוֹ כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ״, גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט, ״רָאָה הָאֶחָד שֶׁעָתִיד לְחְיוֹת״, אוּן דֶער דָאקְטֶער זֶעט דֶער צְוֵוייטֶער גֵייט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, עֶר גֵייט לֶעבְּן, ״אָמַר לָהֶם״ זָאגְט עֶר פַאר דִי מִשְׁפָּחָה: ״כָּךְ וְכָךְ מַאֲכָל יֹאכַל וְכָךְ וְכָךְ לֹא יֹאכַל״, גֶעבְּט אִים נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶעס, נָאר דִי אוּן דִי עֶסְן, ״אָמְרוּ לָרוֹפֵא, מַה זֶּה״, פְרֶעגְט מֶען דֶעם דָאקְטֶער וָואס גֵייט דָא פָאר, ״לָזֶה אַתָּה אוֹמֵר יֹאכַל כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, וְלָאַחֵר אָמַרְתָּ לֹא יֹאכַל כָּךְ וְכָךְ״, אֵיינֶעם לָאזְט מֶען יָא עֶסְן אַלֶעס אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֶעג נִישְׁט עֶסְן אַלֶעס? ״אָמַר לָהֶם הָרוֹפֵא״, זָאגְט דֶער דָאקְטֶער: ״לָזֶה שֶׁהוּא לְחַיִּים, אָמַרְתִּי לוֹ זֶה אֱכֹל וְזֶה לֹא תֹאכַל״, דֶער חוֹלֶה גֵייט לֶעבְּן דַארְף עֶר זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר עֶסְט, ״אֲבָל אוֹתוֹ שֶׁהוּא לְמִיתָה, אָמַרְתִּי לָהֶם, כָּל מַה שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ תְּנוּ לוֹ, שֶׁאֵינוֹ לְחַיִּים״, אָבֶּער דֶער וָואס גֵייט סַיי ווִי שְׁטַארְבְּן - קֶען עֶסְן וָואס עֶר ווִיל. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ״יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם לְחַיִּים״, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס בְּלַייבְּן לֶעבְּן, ״אָמַר לָהֶם״ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״׳וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי׳, ׳אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם׳, ׳אֶת זֶה תֹּאכְלוּ׳, ׳וְאֶת זֶה לֹא תֹאכֵלוּ׳, ׳לֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם׳, לָמָּה״, פַארְוָואס, ״שֶׁהֵם לְחַיִּים״, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: ״וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳ אֱלֹקֵיכֶם, חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם״.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט נָאר אוֹיף דִי זַאךְ, אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דוּרְךְ תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט מֶען צוּ אֱמוּנָה.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# סעודת הילולא פון הייליגן רבי נתן

דעם דינסטאג, עשרה בטבת, איז געווען די יארצייט פון הייליגן רבי נתן, פאר וועמען מיר האבן צו פארדאנקען אונזער לעבן, ער איז געווען דער תלמיד פון הייליגן רבי׳ן וואס האט איבערגעבן ווייטער וואס דער רבי האט אונז געלערנט, אפגעשריבן די תורות פון הייליגן רבי׳ן, וואס נאר אין דעם זכות לעבן מיר היינט, וואס די לימודים און עצות זענען מחזק די גאנצע וועלט, וואס ברענגט צוריק אלע אידישע קינדער צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי אליין האט זיך אויסגעדרוקט אז ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון אים קיין בלעטל שמות.

אין אלע געגנטער האבן זיך אנשי שלומינו פארזאמעלט צו דעם גרויסן יארצייט מאנטאג נאכט, וואו מען האט איבערגע׳חזר׳ט וואס רבי נתן לערנט אונז, און בעיקר זיך געשטארקט אין הפצה, צו געבן פאר נאך אידישע קינדער דאס וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי׳ן, דאס וואס רבי נתן האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו מגלה זיין און מפרסם זיין די לימודים פון הייליגן רבי׳ן אויף די גאנצע וועלט, און מיט דעם העלפן און ראטעווען אזויפיל אידישע קינדער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געפראוועט די הילולא אין בית המדרש היכל הקודש אין בלומינג גראוו, וואו עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע אנשי שלומינו, מען האט זיך געוואשן צו די סעודת הילולא, און געהערט גאר שטארקע דברות קודש פון ראש ישיבה שליט"א.

נאך ברכת המזון איז מען זיך צוגאנגען מיט פרישע כוחות זיך צו שטארקן אין עבודת ה׳ מיט די עצות וואס רבי נתן האט אונז איבערגעגעבן פון הייליגן רבי׳ן, און מיט א קבלה טובה עוסק צו זיין מער אין הפצה, יעדער איינער אויף זיין וועג.

**תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו!**

***

# נייער בית המדרש היכל הקודש אין ספרינג וואלי

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו, איינוואוינער פון ספרינג וואלי און די אומגעגנט, צו די עפענונג פונעם נייעם בית המדרש היכל הקודש, וואס וועט דינען ווי א לייכט טורעם פאר די שטאט, זיך מחזק צו זיין אינאיינעם מיט די לימודים פון הייליגן רבי׳ן אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

דער בית המדרש געפינט זיך אויף .34 Union Rd, יעדע נאכט איז דא א הערליכע שיעור גמרא אום 9 אזייגער און דערנאך תפלת מעריב, און אום שבת קודש קומט זיך צוזאם צום דאווענען פרייטאג צו נאכטס און ביי שלש סעודות.

ארטיגע אנשי שלומינו קוקן שוין זייער לאנג ארויס אויף דעם בית המדרש, און האבן שוין אריינגעגאסן אין דעם אן א שיעור תפלות צום אייבערשטן, און יעצט דאנקט מען דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען צו דעם געשמאקן ווינקל זיך צו קענען האלטן אינאיינעם בדיבוק חברים, זיך שטארקן אינאיינעם צו שעפן ווייטער פון דעם ריינעם און לויטערן קוואל פון הייליגן רבי׳ן.

**פתחו לי שערי צדק!**

***

# חנוכת הבית פון בית המדרש היכל הקודש לאנדאן

גאר פרייליכע נייעס קומט אריין פון אנשי שלומינו אין עיר הבירה לאנדאן אז מ׳האט ענדליך געטראפן א צוגעפאסטע פלאץ צו האבן אן אייגן ווינקל ווי תלמידי היכל הקודש לאנדאן וועלן קענען דאווענען, לערנען, און זיך מחזק זיין אינאיינעם.

דאס קומט נאך טויזנטער טויזנטער תפילות וואס אינגעלייט, בחורים און קינדער תלמידי היכל הקודש תושבי לאנדאן האבן איינגעריסן ביים אייבערשטן מיט תפילות ותחנונים אז זיי זאלן קענען האבן א אייגענעם בית המדרש זיך צו קענען מחזק זיין און דאווענען אינאיינעם, און האבן דארט חבורות א פלאץ וואו יעדער וואס דארף חיזוק זאל קענען קומען און זיך דערווארעמען די נשמה פון רבינ׳ס חיזוק.

דער ראש ישיבה האט שוין אסאך מאל ערוועהנט אז עס זייער וויכטיג מען זאל האבן אן אייגענע פלאץ פאר א שול, און ברוך השם בסייעתא דשמיא איז מען איבערגעקומען אלע שווערע מניעות און באוויזן צו עפענען א בית המדרש צו די גרויס פרייד פון אלע תלמידי היכל הקודש לאנדאן.

די חנוכת הבית איז פארגעקומען דעם מאנטאג נאכט, אור ליום עשרה בטבת, אינאיינעם מיט די יארצייט סעודה פון רבי נתן, אנשי שלומינו אין לאנדאן זענען זיך צוזאמגעקומען און געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי׳ן, אז מיר פרובירן צו גיין אין זיינע וועגן, אזוי ווי רבי נתן האט אונז איבערגעגעבן.

די אדרעס פון די שול איז 23a St. Andrews Grove (ביים זייטיגן אריינגאנג). דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם פרישן לעכטיגן ווינקל זאל ארויסקומען פילע שעות תורה ותפלה, התחזקות און הפצה, און דעם אייבערשטנ׳ס נאמען זאל נתקדש און נתרומם ווערן אויף דער וועלט.

**בואו שעריו בתודה!**


# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם שבתי מזרחי** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר׳ שבתי, וואס איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, פאר די שטעטל, און פאר אלע גוטע זאכן וואס פעלט נאר אויס, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים

***

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **מאטי ראזענפעלד** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יואליש קרויס** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה למזל טוב**

# וואו איז דער אמת?

**א שאלה וואס מוטשעט אסאך אידישע קינדער; איך וויל זיין גוט און וואויל, ווי אזוי קען איך אבער וויסן וואו איז דער אמת?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 61**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >